NYC Health

# קינדער'ס מאלצייטן: וואס עסן סערוויס אפערעיטארס דארפן וויסן

די ניו יארק סיטי קאונסיל האט אריינגעלייגט אין קראפט לאקאלע געזעץ 75 פון 2019, וואס וועט באגרעניצן די געטראנק אפציעס וואס עסן סערוויס פירמעס קענען שרייבן אויף זייער מעניו אדער מעניו טאוול אלס טייל פון א קינדער'ס מאלצייט. **די געזעץ איז געווען אין קראפט זינט אפריל 30, 2020.** דער דאקומענט שטעלט צו אינפארמאציע איבער די פארלאנגן און וויאזוי זיך צו צושטעלן.

**ווער ווערט אפעקטירט פון לאקאלע געזעץ 75?**
סיי וועלכע עסן סערוויס פירמע וואס שטעלט צו קינדער'ס מאלצייטן אויף א מעניו אדער מעניו טאוול און האט א ליסטע פון געטראנקן אלס א טייל פון די מאלצייט מוז זיין איינשטימיג מיט דעם לאקאלן געזעץ.

**וויאזוי ווערט א קינדער מאלצייט דעפינירט?**
א קינדער'ס מאלצייט איז סיי וועלכע עסנווארג אדער צאמשטעל פון עסנווארג געאייגענט פאר קינדער און געוויזן געווארן אויף א מעניו אדער מעניו טאוול צוזאמען מיט איינער פון די פאלגענדע:

- די ווארט "קינד," "קינדער," "דזשוניאר," "קליין," "קידי," "קידא," "טייק," אדער סיי וועלכע אנדערע ענליכע שפראך
- א קארטון בילד, פאזל, אדער שפיל
- א פארשלאג פון א שפילצייג אדער קינדער שפיל מיט די מאלצייט
- א מאקסימום־עלטער גרענעץ פארן מאלצייט

**וואס זענען די געטראנקען אפציעס פאר קינדער'ס מאלצייטן יעצט אז לאקאלע געזעץ 75 איז אין קראפט?**
מיט דער געזעץ אין קראפט, זענען עסן סערוויס פירמעס נאר ערלויבט צו לייגן די פאלגנדע געטראנקען און סערווינג מאסן אלס טייל פון א קינדער'ס מאלצייט:

- וואסער, ספארקלינג וואסער אדער וואסער מיט א פלעיוואר, וואס האט נישט צוגעלייגטע נאטירליכע אדער פאלשע זיס-מאכערס
- אכט אונסעס אדער ווייניגער פון א פלעיווארד אדער נישט-פלעיווארד נאנ-פעטנס אדער 1% פעטנס מילכיגע מילך
- אכט אונסעס אדער ווייניגער פון פלעיווארד אדער נישט-פלעיווארד געטראנק וואס איז אייניג אין ערנערונג צו מילכיגע מילך
- אכט אונסעס אדער ווייניגער פון 100% פרוכט אדער גרינצייג זאפט (אדער א צוזאמשטעל פון זאפטן), וואס האט נישט קיין נאטורליכע אדער פאלשע זיס-מאכערס; די זאפט מעג האבן וואסער אדער ספארקלינג וואסער.

**וועלכע נישט-מילכיגע געטראנקען זענען אייניג אין ערנערונג מיט מילכיגע מילך?**
צו זיין אייניג אין ערנערונג מיט מילכיגע מילך, דארף א נישט-מילכיגע געטראנקען נאכקומען די ערנערונג סטאנדארטן געשטעלט דורך די פאראייניגטע שטאטן דעפארטמענט פון אגריקולטור (USDA) פאר קינדער ערנערונג פראגראמען.  א נישט מילכיגע געטראנק מוז ענטהאלטן, אמווייניגסטן, די פאלגענדע נוטריענט שטאפלן אין יעדע גלאז (8 פליסיגע אונסעס):

- קאלציום 276 מיליגראם (mg)
- פראטיען 8 גראם (g)
- וויטאמין A 500 אינטערנאציאנעלע יוניטס (IU)
- וויטאמין D 100 IU
- מאגניזיום 24 mg
- מאגניזיום 222 mg
- פאטאסיום 349 mg
- ריבאפלעווין .44 mg
- וויטאמין B12 1.1 מייקראגראמס (mcg)

**קען אן עסן סערוויס פירמעס צושטעלן אן אנדערע געטראנק אויב א קאסטומער פארלאנגט עס?**
יא, אויב א קאסטומער פארלאנגט אן אנדערע געטראנק אדער מאס, מעג די עסן סערוויס פירמע עס צושטעלן.

**וואס פאסירט אויב א פירמע האט נישט אויסגעפאלגט דעם געזעץ?**
די העלט דעפארטמענט קען ארויסגעבן א סומענס, אויסגעשטעלט צו געלט שטראפן, צו סיי וועלכע עסן סערוויס פירמע וואס האט נישט אויסגעפאלגט דעם געזעץ. דער געלט-שטראף קען נישט זיין מער ווי $200.

**טוט א פארלעצונג פון דעם פארלאנג מאכן א חילוק אין א פירמע'ס בוכשטאב צייכן?**
ניין, א פארלעצונג פון דעם געזעץ טוט נישט אפעקטירן א פירמע'ס בוכשטאב צייכן.

פאר מער אינפארמאציע, פארבינדט זיך מיט די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון געזונט און גייסטישע היגיענע (Department of Health and Mental Hygiene), אפיס פון עסן זיכערהייט, אויף **646-632-6001** אדער **infobfscs@health.nyc.gov**. צו זען די אינפארמאציע אין אנדערע שפראכן, באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט **children’s meals**.